בעזרת השם יתברך

# גליון קבלת התורה
## שבועות




יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָנִים תתמג - תתמו.

בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אִין דִי דְרֵיי זְמַנִּים - רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

### עוֹלָם הַתֹּהוּ

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ רָב וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חַבֶר אוּן זֵיי הָאבְּן צְוִוישְׁן זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ 'תְּקִיעַת כַּף' אַז וֶוער עֶס וֶועט פְרִיעֶר נִסְתַּלֵק וֶוערְן וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן צְוֵוייטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער רָב אִיז קוֹדֶם נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעלָאפְן גַאנְצֶע אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין חַבֶר, עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רָב הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק מִזֶּה הָעוֹלָם אוּן זַיין נְשָׁמָה דְרֵיידְט זִיךְ אִין 'עוֹלָם הַתֹּהוּ', עֶר מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ; דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים פַאר דִי נְשָׁמָה.

### אַפָּאר בָּתֵּי חַיִּים

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער רָב, אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאזוּכְט אוּן אַפָּאר בָּתֵּי חַיִּים, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז שׁוֹין אַפָּאר מָאל מְגֻלְגָּל גֶעוָוארְן, עֶר לִיגְט אִין עֶטְלִיכֶע בָּתֵּי חַיִּים; אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק, וָואס וֶועלְן מִיר זָאגְן?! אַז דָאס פַּאסִירְט מִיט אַ רָב - וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן?! אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרֵיי מָאל אַ יָאר - 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' אוּן 'שָׁבוּעוֹת', וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עוֹנְשִׁים".**

### דִי בַּאדֵייט פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי בַּאדֵייט פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן. אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועקְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן אוּנְזֶער טִיפְן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - בַּאקוּמֶען מִיר אַ שְׁטוּפּ אוּן אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן שְׁפַּאצִירְן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמֶען מִיר פוּן רֶבִּי'ן דֶער זַאךְ פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם

אײבּערשטן אויף אַלעס וואָס ער טוט מיט אונז.

דער אײבּערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן פאָלגן דעם רבּי'ן, וועלן מיר האָבן אַ שיינע לעבן, אָמן.

דעם ערשטן טאָג נאָכ'ן דאַווענען בײַם קידושא רבּא, האָט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן אַן הערליכע שמועס פול מיט התחזקות.

### דער ראש ישיבה שליט"א האָט אָנגעהויבן:

געלויבּט דעם אײבּערשטן אַז מיר האָבן זוכה געווען צו מקבּל זיין די תּורה פונדאַסניי.

### מיר זענען ווי ניי געבוירן

מוהר"אַ"ש זאָגט אַ שיינע טעם פאַרוואָס מען עסט מילכיגס אום שבועות; ווייל דער רבּי זאָגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "**בײַ די וועלט איז שׂמחה אַ חסרון, אָבער איך זאָג אַז שׂמחה איז אַ מוראָ'דיגע מעלה. ווייל ווען אַ מענטש וואָלט געדענקט יעדע זאַך וואָס ער האָט געטון וואָלט ער נישט געקענט לערנען און דאַווענען און טון מצוות, עס וואָלט אים געשטערט אַלעס וואָס ער האָט געטון, ער וואָלט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פונעם פאַרגאַנגענהייט, פון אַלע דורכפעלער און אַלע פּראָבלעמען וואָס ער איז אַדורך, און דאָס וואָלט געמאַכט אַז ער זאָל נישט פּרובירן נאָכאַמאָל אָנצוהייבן פונדאַסניי, אָבער יעצט אַז עס איז דאָ שׂמחה, קען מען זיך באַנייען און אָנהייבן פון פרעש**". דערפאַר ווען מיר גייען מקבּל זיין די תּורה עסן מיר מילכיגס, כּדי צו געדענקען אַז מיר זענען ווי ניי געבוירן; אַ קליין קינד עסט דאָך נאָר מילך, דעריבּער עסן מיר מילכיגס צו ווייזן אַז מיר זענען ניי געבוירן, מיר הייבן אָן פונדאַסניי זיין ערליכע אידן.

### פאַרדאָרבּענע מילך וואַרפט מען נישט אַוועק

נאָך אַ טעם איז דאָ פונעם הייליגן חוזה פון לובּלין זכותו יגן עלינו, ווייל יעדע עסן ווען עס ווערט פאַרדאָרבּן, שמעקט עס נישט גוט, און איז אַ סכּנה צו עסן, צום בּײַשפּיל פאַרדאָרבּענע פלייש, פאַרדאָרבּענע פיש - איז אַ סכּנה צו עסן, מען וואַרפט דאָס אַוועק אין די מיסט, אויסער מילך! אפילו עס ווערט פאַרדאָרבּן וואַרפט מען דאָס נישט אַוועק, נאָר מען מאַכט דערפון פיינע קעיז. דערפאַר עסן מיר מילכיגס אום שבועות, ווייל מען וויל ווייזן פאַר'ן מענטש, אפילו דו בּיסט אַראָפּגעפאַלן אין עבירות, דו בּיסט פאַרדאָרבּן געוואָרן, קיינער וויל נישט שטיין נעבן דיר, דו שטינקסט פון דיינע עקלדיגע מעשׂים רחמנא לצלן, דאָך קענסטו נאָך תּשובה טון און ווערן אַ צדיק, אַזוי ווי פאַרדאָרבּענע מילך וואָס מען וואַרפט נישט אַוועק נאָר מען מאַכט דערפון פיינע קעיז.

### קיין יאוש איז גאָרנישט פאַרהאַנען

דער הייליגער רבּי האָט געשריגן (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עח): "**אין שום יאוש בעולם כלל!**" זאָגט רבּי נתן (שיחות הר"ן, סימן קנג): דער רבּי האָט דאָס געשריגן מיט זיין גאַנצע כּח, ער האָט געשריגן בקול גדול: "**גיוואַלד, זייט אייך נישט מייאש, קיין יאוש איז גאָרנישט פאַרהאַנען**"; ווייל עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי יאוש, נישט דאָ קיין מענטש וואָס קען נישט תּשובה טון און עס איז נישט דאָ קיין עבירה וואָס מען קען נישט מתקן זיין.

### אַ פאַרדאָרבּענער מענטש קען ווערן אַ צדיק

דער הייליגער רבּי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קיב): "**אם אתּה מאמין, שיכולין לקלקל, תּאמין שיכולין לתקן**", אויב דו גלייבּסט אַז דו קענסט טון שלעכטס גלייב אויך אַז דו קענסט פאַררעכטן; מען דאַרף גלייבּן אין דעם, מען דאַרף וויסן אַז דער אײבּערשטער נעמט אָן אונזער תּשובה, ער וואַרט אַז דער מענטש זאָל זיך צוריק קערן צו אים. דער יצר הרע וויל נאָר איין זאַך פונעם מענטש: "**געב זיך אונטער!**" ער וויל אַז דער מענטש זאָל בּײַ זיך אָפּמאַכן איין מאָל פאַר אַלעמאָל און זאָגן: "**איך בּין שוין פאַרפאַלן!**" יעדעס מאָל ער וואַרפט אַראָפּ אַ מענטש אין עבירות איז זיין כּוונה נאָר מחליש

דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן און אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרוּבִּירְן זַיין גוּט און עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: **"פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז"**, דָאס הֵייסְט: **"פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק"**.

## קְרֶעפְּלֶעך פוּן דְרֵיי עֶקְן

מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעך וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן דְרֵיי עֶקְן אוּם שָׁבוּעוֹת; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם און תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְּלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ און זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם און גֶעזָאגְט: **"וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַאר אַ צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוֹילֶע שִׁיךְ"**, זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְּרֶעגְן: **"אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?"** פְלֶעגְט דֶער תָּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: **"וָואס הָאט דָאס צוּטוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה און דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, און וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וִויפִּיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד"**, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם, און אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט און גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶעלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵמוּת.

## דָאס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ

דָאס אִיז וָואס מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם וָואס מִיר עֶסְן דִי קְרֶעפְּלֶעךְ; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, און הָאבְּן אַ שִׂמְחָה און גֶעשְׁמַאק אִינֶעם יוֹם טוֹב. בִּפְרָט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער אִיז גָאר וִויכְטִיג אַרַיינְצוּלֵייגְן אִינֶעם יוֹם טוֹב אַ גֶעשְׁמַאק און אַ שִׂמְחָה. אַ מֶענְטְשׁ מֶעג זִיךְ פִּירְן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס אִיז דָא, אָבֶּער אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס אָן שִׂמְחָה, עֶר טוּט עֶס אָנְגֶעצוֹיגֶענֶערְהֵייט, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער וִוילְן זִיךְ שְׁפִּירְן גְלִיקְלִיךְ און פְרֵיילִיךְ, דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע טוּט אַלֶע מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, דַאן וֶועלְן זֵיי לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם טוּט עֶר אַלֶעס גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט, אָן קַיין חִיוּת און גֶעשְׁמַאק, דַאן וֶועלְן זֵיי זוּכְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, זִיךְ זוּכְן פְרֶעמְדֶע גְלִיקְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

מִיטְל נַאכְט נָאךְ מִנְחָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו.

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן גָאר אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה, דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד', וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶה דֶעם גְרִינְגֶען וֶועג אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

## מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): **"שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"**, וֶוען מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער

וועט מען פארשטיין, "**ולא יבלבל דעתו בתחלת למודו שירצה להבין תכף, ומחמת זה יקשה לו הרבה תכף ולא יבין כלל, רק יכניס מחו בהלמוד, ויאמר כסדר בזריזות וממילא יבין**", מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט דאס לערנען, ווייל דאס אליין אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט שווערער דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט פון זיך אליינס פארשטיין, "**ואם לא יבין תכף**", און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, "**יבין אחר כך**", וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל, "**ואם ישארו איזה דברים, שאף על פי כן לא יוכל לעמד על כונתו**", און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל, "**מה בכך**" - איז וואס? איז אויך גארנישט, "**כי מעלת רבוי הלמוד עולה על הכל**", ווייל דאס לערנען אליינס איז גרעסער פון אלעם, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת סג ע"א; עבודה זרה יט.): "**לגמור והדר לסבר, ואף על גב דלא ידע מה קאמר**", אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "**כי על ידי רבוי הלמוד, שילמד במהירות ויזכה ללמד הרבה, על ידי זה יזכה לעבר כמה פעמים אלו הספרים שלומד - לגמרם, ולחזר להתחיל ולגמרם פעם אחר פעם, ועל ידי זה ממילא יבין וכו'**", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל לערנט מען דאך זייער אסאך, דורכדעם איז מען זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה צו פארשטיין וואס מען לערנט.

### ביים סוף איז מען זוכה צו פארשטיין

דער רבי האט זייער אסאך געערעדט צו אונז פון לערנען אויף דעם וועג, מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין. ווייל דאס איז א גאר א גוטע עצה צו קענען לערנען, דורך דעם וועג קען מען זוכה זיין צו לערנען און אנקומען צו די גאנצע תורה, און ביים סוף איז מען זוכה צו פארשטיין אסאך מער ווי ווען מען לערנט מיט'ן ציל גלייך צו פארשטיין מיט אלע דקדוקים.

### איינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען...

ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדעס ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "**וכמה בני אדם פסקו מלמודם לגמרי על ידי רבוי הדקדוקים שלהם, ומאומה לא נשאר בידם**", און זייער אסאך מענטשן האבן איינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"**אבל כשירגיל עצמו ללמד במהירות כנזכר לעיל - בלי דקדוקים הרבה, התורה תתקים בידו, ויזכה ללמד הרבה מאד, גמרא ופוסקים כלם, ותנ"ך מדרשים וספרי הזוהר וקבלה, ושאר ספרים כלם**", אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; ער וועט זוכה זיין דורכצולערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים און זהר הקדוש, "**וכבר מבאר שיחתו של רבנו זכרונו לברכה, שטוב לאדם שיעבר בחייו בכל הספרים של התורה הקדושה**", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה (עיין שיחות הר"ן, סימן כח), עיין שם.

### מען לערנט גאר אסאך

דאס איז א זיסע און געשמאקע וועג צו לערנען, אז מען לערנט אויפ'ן 'סדר דרך הלימוד' פון רבי'ן לערנט מען יעדן טאג פון יאר, אפילו ווען מען איז פאריאגט און פארפלאגט, מען האט נישט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, מען איז נישט מיושב, לערנט מען גאר אסאך, און מיט די צייט איז מען זוכה אז די קאפ עפנט זיך אויף, און מען איז זוכה

צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**דֶעם צְוֵוייטְן טָאג נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים קִידּוּשָׁא רַבָּא, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַן הֶערְלִיכֶער שְׁמוּעֶס פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת.**

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

הַיינְט אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן, וָואס אִיז דֶער עִנְיָן אַז מֶען לֵייגְט בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט דִי תּוֹרָה?

## דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיא): **"אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ בְּעִנְיַן הַנְהָגַת הִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**, אַ אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, **"וְצִוָּה לוֹ לִלְמֹד"**, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, **"וְשָׁאַל אוֹתוֹ: הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד"**, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף דִי עֵצָה, **"הֵשִׁיב לוֹ: עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל"**, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס, **"לְכָל טוֹב"**, צוּ אַלֶע גוּטְס, **"לְתוֹרָה"**, צוּ תּוֹרָה, **"וַעֲבוֹדָה"**, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת"**, צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת, **"וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת"**, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, **"וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת"**, אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס פוּן דִי הֶעכְסְטֶע וֶועלְטְן.

## דִי פֶּעלְד אִין שׁוּל

רוֹב מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב, סְפֶּעצִיעֶל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיז זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב אוּן מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם גֶעוֶוענְלִיכְן סֵדֶר פַאלְט מֶען צוּרִיק צוּם אַלְטְן, אַלֶעס בְּלַייבְּט וִוי בֶּעפָאר, דֶערְפַאר לֵייגְט מֶען בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה, כְּדֵי צוּ וַוייזְן דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת, אוּן מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה - דַארְף מֶען גֵיין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶּעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): **"צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**; מַאכְט מֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי פֶּעלְד אִין שׁוּל, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶערְ'ן טַלִּית זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

## אִין פֶּעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער

פַארְוָואס זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב'? אוֹיבּ מֶען זוּכְט אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען - אִיז דָא שֶׁענֶערֶע פְּלֶעצֶער, אוֹיבּ מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַרוּמְפָארְן מִיט אַ עֶ"י טְ"י וְו"י - אִיז דָא אַנְדֶערֶע גֶעגְנְטֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בֶּערְגִיג, קֶען מֶען בֶּעסֶער פָארְן דֶערְמִיט; דֶער שְׁטֶעטְל אִיז פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, וִוינְטֶער הַאקְט זִיךְ יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג אָפּ דִי לֶעקְטֶער פוּן דִי שְׁטַארְקֶע וִוינְטְן, רֶעגְן אוּן שְׁנֵיי; אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז בֶּערְגִיג; אוֹיךְ אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס אַיינְקוֹיפְן דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז מֶען הָאט אַ וֶועג, אוֹיךְ בֶּעט דִי קְהִלָּה גֶעלְט פוּן יֶעדְן וָואס קוֹיפְט אַ הוֹיז וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶען זֶענֶען דִי מַעֲלוֹת פוּן דֶעם פְּלַאץ? נָאר עֶס אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע הַייזֶער זֶענֶען אִין פֶּעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אִיז מֶען אִין פֶּעלְד, מֶען קֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין.

## דֶער קוּדְשָׁא בְּרוּךְ הוּא...

אוֹיךְ הָאט דִי שְׁטֶעטְל דִי מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, אַלֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע רֶעדְן

צום אײבערשטן. אײ װעסטו פרעגן 'איבעראל רעדט מען דאך פונעם אײבערשטן?' ריכטיג אַז מען רעדט איבעראל פונעם אײבערשטן, אָבער אין אַנדערע פּלעצער טוישט מען דעם שפּראַך צו אַ הויכע שפּראַך װאָס מען פאַרשטײט נישט; אין כּתּה א' זאָגט מען נאָך 'מען דאַרף בעטן דעם אײבערשטן: "**הײליגער באַשעפער העלף מיר**"', אין כּתּה ג' זאָגט מען שוין: "**דער רבּונו של עולם**".... אין כּתּה ה' זאָגט מען שוין: "**דער כּביכול**"... דערנאָך זאָגט מען: "**דער קודשא בּרוך הוא**"... און אַזוי גײט עס העכער און העכער ביז מען פאַרשטײט שוין גאָרנישט... װידער בײַם הײליגן רבּי'ן איז נישט אַזוי, דער רבּי בּלײַבט מיט'ן פּשוט'ן שפּראַך, דער רבּי לערנט אויס פאַר יונג און אַלט צו בעטן דעם אײבערשטן: "**הײליגער באַשעפער העלף מיר**".

## דו ביסט קײנמאָל נישט אַלײן

װען דער רבּי איז געװען אַ קלײן קינד האָט ער געהערט אַ מעשׂה פונעם הײליגן בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו און דאָס איז אַרײַן אין אים און אים אָנגעצינדן אַ מוראָ'דיגע חשק צו װערן אַ צדיק. דער רבּי האָט געהערט דעם מעשׂה, אַז דער הײליגער בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו איז געבוירן געװאָרן צו אַלטע עלטערן, זײַן פאָטער רבּי אליעזר איז אַלט געװען הונדערט יאָר און זײַן מאַמע שׂרה איז שוין אויך געװען זײער אַלט; זײַן מאַמע איז נפטר געװאָרן גלײַך װען זי האָט געבוירן דעם הײליג קינד ישׂראלי'ק, שפּעטער װען דער בּעל שם טוב איז אַלט געװען פינף יאָר האָט אים זײַן טאַטע גערופן צו זיך און אים געזאָגט בּזה הלשון: "**ישׂראליק! איך גײ יעצט אַװעק פון די װעלט - כּדרך כּל הארץ, געדענק אָבער אַז דו ביסט קײנמאָל נישט אַלײן, דער אײבערשטער איז מיט דיר, בּײַ דיר און נעבן דיר - זאָלסט נישט מורא האָבן פון קײנעם**", און מיט די װערטער איז ער נפטר געװאָרן.

## דו ביסט קײנמאָל נישט אַלײן

דער בּעל שם טוב איז אויסגעװאַקסן אײנער אַלײן אין אַ גרויסע װעלט, אָבער ער האָט שטענדיג געדענקט זײַן טאַטע'ס לעצטע װערטער: "**געדענק דו ביסט קײנמאָל נישט אַלײן, דער אײבערשטער איז מיט דיר, בּײַ דיר און נעבן דיר - זאָלסט נישט מורא האָבן פון קײנעם**"; מיט די װערטער האָט ער געלעבט און האָט דאָס אויסגעפירט למעשׂה, װאָס ער האָט נאָר געדאַרפט האָט ער געבעטן דעם אײבערשטן. ביז אײנמאָל האָט ער שפּאַצירט אין װאַלד בּשעת ער האָט געזינגען צום אײבערשטן, אינמיטן זעט ער װי עס קומט צו גײן אַ מענטש און פרעגט אים: "**װאָס טוסטו דאָ אַלײן אין װאַלד?**" רופט ער זיך אָן צו אים: "**איך בּין נישט אַלײן, דער אײבערשטער איז דאָ מיט מיר**", רופט זיך אָן דער מענטש: "**דער אײבערשטער איז מיט דיר? דער אײבערשטער איז דאָך אויבן אין הימל, ער איז זײער הויך, ער האָט איבער געלאָזט די װעלט**", און ער לײגט צו אַז עס איז אַ בּפירוש'ע פּסוק (יחזקאל ח, יב): "**עזב ה' את הארץ**". (װאָס בּאמת שטײט דאָרט אַז מען זאָל נישט זאָגן אַזוי װי די װאָס זאָגן אַז דער אײבערשטער זעט נישט װאָס מען טוט אין די פינסטערניש, דער אײבערשטער האָט אונז פאַרלאָזט).

## אַן אויג פאַרבלענדעניש פונעם סמ"ך מ"ם

דער מענטש האָט װײַטער ממשיך געװען צו רעדן צום בּעל שם טוב קעגן די אמונה, האָט דער בּעל שם טוב געכאַפּט אַ צװײַג פון דער ערד און אים אָנגעפאַנגען צו שלאָגן, און בּשעת ער האָט געשלאָגן דעם אַלטן נאַר האָט ער געשריגן דעם פּסוק (תהלים צב, י): "**יתפּרדו כּל פּעלי און**", פּלוצלינג זעט דער בּעל שם טוב װי ער איז נישט דאָ, דער מענטש איז פּשוט געװען אַן אויג פאַרבלענדעניש פונעם סמ"ך מ"ם; פון דעמאָלט אָן איז דער בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו געװאָרן נאָך שטערקער אין די אמונה, ער האָט געזען װי דער סמ"ך מ"ם װיל אים אײַנרעדן צו טראַכטן קעגן די אמונה האָט ער זיך נאָך אַסאַך מער געשטאַרקט.

## אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אַלְס קִינְד. הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען טְרַאכְטְן: '**גְעוַואלְד! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק!** אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק?' אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'**".

## תְּמִימוּת פוּן אַ קְלֵיין קִינְד

אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט דֶעם תְּמִימוּת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַ תְּמִימוּת פוּן אַ קְלֵיין קִינְד, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, אוּן דָאס לֵייגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט וָואס מֶען דַארְף.

## אִין שְׁטֶעטְל אִיז דֶער רֶבִּי דֶער וֶועג וַוייזֶער

נָאךְ אַ מַעֲלֶה אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל, אַז אַלֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ, אַלֶע ווִילְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען ווִיל דֶער רֶבִּי זָאל וַוייזְן דִי וֶועג - אַנְשְׁטָאט דֶער טֶערֶעפִּיסְט, מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - אַנְשְׁטָאט פָאלְגְן דִי שְׁכֵנִים; אִין שְׁטֶעטְל אִיז דֶער רֶבִּי דֶער וֶועג וַוייזֶער, אִין שְׁטֶעטְל נֶעמְט מֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן - נִישְׁט פוּן צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג, דִי גְרָאסֶערִי פַּארְקוֹיפְט נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין תַּקָנוֹת נִישְׁט צוּ פַּארְקוֹיפְן דִי זַאכְן וַוייל קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ פַאר גֶעלְט וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין תַּקָנָה נִישְׁט צוּ פַארְקוֹיפְן צוֹאָה. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּקְן אִין דִי זַאכְן.

## אֲשֶׁר בַּנַחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֲשֶׁר בַּנַחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זֵיי רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נִישְׁט דֶער צֵייטוּנְג רֶעדְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר בּוֹיךְ.

## אַרְטִיקְל פוּנֶעם צֵייטוּנְג

אֵיינֶער זָאגְט מִיר עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אִין צֵייטוּנְג, נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרָאגֶעדִיעֶ אִין מִירוֹן, אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּן אַ פְּרָאפֶעסָאר וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ גֶעדְרֶענְג. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט צֶעדְרוּקְט זָאל מֶען בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט מֶער שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס - זָאל מֶען זִיךְ הַאלְטְן מִיט דִי קָאפּ אִין דֶער הֵייעֶך, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט, זָאל מֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אָטֶעמֶען; אַ גַאנְצֶע לַאנְגֶע אַרְטִיקְל וָואס מֶען זָאל טוּן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, זָאג אִיךְ אִים, דָאס הֵייסְט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, דָאס זֶענֶען לֵצִים, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן; זָאג מִיר, אִיךְ וֵייס נִישְׁט אַלֵיינְס צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס? אִיךְ דַארְף אַ פְּרָאפֶעסָאר זָאל מִיר דָאס זָאגְן? אִיךְ וֵייס נִישְׁט אַלֵיינְס וֶוען מֶען צֶעדְרוּקְט מִיר אַז אִיךְ זָאל אוֹיפְהֵייבְּן מַיין קָאפּ צוּ אָטֶעמֶען? דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אִין מִירוֹן הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן זֵייעֶר קָאפּ צוּ אָטֶעמֶען? וֶוער שְׁרַייבְּט צֵייטוּנְגֶען? נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן, פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן.

## אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן

אַנְשְׁטָאט שְׁרַייבְּן אִין גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת, מִיט 'קִידוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיוֹת': "**מִיר וֵייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָקוֹם, מִיר וֵייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, גְזֵירָה הִיא מִלְּפָנַי וְאֵין לְךָ רְשׁוּת לְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ, מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן; רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מֶען שׁוֹין דַן גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם, 'מִי יִחְיֶה', וֶוער גֵייט לֶעבְּן, 'מִי**

**יָמוֹת׳, וועֶר גייט שְׁטַארְבְּן, ׳מִי בַצָּמָא׳, וועֶר וועֶט שְׁטַארְבְּן פוּן דוּרְשְׁט, ׳מִי בָרַעַשׁ׳, וועֶר וועֶט שְׁטַארְבְּן פוּן אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, ׳מִי בַמַּגֵּפָה׳, וועֶר וועֶט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ מַגֵּיפָה, ׳מִי בַחֲנִיקָה׳, וועֶר וועֶט דֶערְוֶוערְגְן וועֶרְן אוּן אַזוֹי ווייטֶער; וועֶר עֶס זָאל זַיין אִין מִירוֹן, וועֶר עֶס זָאל זַיין אוֹיפְ׳ן בַּארְג, וועֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען לֶעבֶּעדִיג״,** - אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁרַייבְּט מֶען הֶבֶל הֲבָלִים, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן; דָאס לֵיינְט עוֹלָם גוֹלָם, קִינְד אוּן קֵייט, בַּיי אַלֶע וָואס רוּפְן זִיךְ חֲסִידִים קוּמְט אַרַיין דִי לוּפְט בְּלֶעטֶער, דִבְרֵי רוּחַ; דָאס פִּיטֶערְן דִי מְלַמְדִים פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן וועֶן עֶס פַּאסִירְט אַ טְרָאגֶעדִיעֶ, אַלֶע קוּקְן וָואס זָאגְט דֶער צֵייטוּנְג.

### מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין מְלַמְדִים וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, אִיךְ נֶעם מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר הַשְׁקָפָה פוּן אֲשֶׁר בְּנַחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל.

### דֶער רֶבִּי קְלַאטְשְׁט פַאר אוּנְז

מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: **״וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער? נָאר אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער טַאנְץ דֶער רֶבִּי אִינְמִיטְן אוּן אַלֶע חֲסִידִים קְלַאטְשְׁן פַאר אִים, אָבֶּער אִין בְּרֶסְלֶב גֵייט דֶער רֶבִּי אַרוּם אוּן קְלַאטְשְׁט פַאר אוּנְז״...** דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז, אִין בְּרֶענְגְט אוּנְז אַרַיין אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

### מֶען הָאט גֶעכַאפְּט זֵייעֶר רֶבִּ״ן...

מֶען קֶען הֶערְן חֲסִידִים דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן זֵייעֶר רֶבִּ״ן, אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט זֵייעֶר רֶבִּ״ן אִין אַ בַּאהַאלְטֶערְנֶעם צִימֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט זָאגְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם״...** דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, דֶער רֶבִּי נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר.

### אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוועֶט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פְלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אַלֶץ זוֹכֶה גֶעוועֶן; דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וועֶלְן נָאכְמַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וועֶט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וועֶלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן. ווען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳, אִיז גֶעוועֶן אַפָּאר מָאל וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן: **״אִיר זֶענְט צוּ גֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת ווַייל אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן נָאךְ צַדִּיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוועֶן צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת״**, שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן כו): ״יֶעדֶעס מָאל וועֶן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת ווַייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אָדֶער מִצַד יִחוּס, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין, אוּן גֶעזָאגְט: ׳אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט ווַייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט ווַייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ׳, נָאר ווַייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוועֶט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם׳״. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן י; שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קנד; וְעוֹד): **״אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוועֶן צוּ קוּמֶען צוּ מַיין דַּרְגָּה דוּרְךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וועֶלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.